לאה ראָבינסאָן  שמואל נײַדאָרף
ELINOR ROBINSON AND CHARLES NYDORF
206 West 106th St. #56
NY NY 10025 USA
Tel. (212) 663-2069

זונטיק
דעם 6טן דעצעמבער
1998

חשובֿער און טײַערער חבֿר ישׂראל רובּניצקי,

מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָבן איך און מײַן מאַן, שמואל נײַדאָרף, פֿאַרבראַכט מיט אונדזער חבֿר צבֿי קאַנטאָר אין ניו־יאָרק. ער האָט אונדז איבערגעגעבן נײַעס וועגן „נײַע וועגן", און פֿירגעלייגט צו שמואל זאָל אַרײַנשיקן נאָך אַ פּאָר לידער אין רעדאַקציע, טאָמער ווילט איר דרוקן אײניקע פֿון זײ אין „נײַע וועגן" 7. (איר האָט שוין, אַגבֿ, עטלעכע ניט-געדרוקטע לידער זײַנע.)

שמואל האָט אָקערשט דורכגעקוקט זײַנע ניט-געדרוקטע לידער, און געמאַכט פֿון זײ אַן אָפּקלײַב, וואָס ער האָט מיר דערלויבט אײַך צוצושיקן — די זײַנען בײַגעלייגט אין קאָנווערט.

מיר בײדע שיקן אײַך אונדזערע וואַרעמע גרוסן, און ווינטשן אײַך הצלחה פֿאַרן זשורנאַל. מיר האָפֿן, אַז מיר וועלן אײַך אַ מאָל באַגעגענען.

זײַט געזונט און שטאַרק,
אײַער לאה ראָבינסאָן

Elinor Robinson - לאה ראָבינסאָן
206 West 106th Street, #56
New York, NY 10025, USA
Tel. 212-663-2069
e-mail: cnydorf@aol.com

דאָנערשטיק דעם 30סטן סעפּטעמבער 2004

טײַערער און חשובֿער פֿרײַנד רובֿניצקי,

וואָס מאַכט איר?

איך שרײַב אײַך, ניט וועגן מײַנע זאַכן, נאָר וועגן די פֿון בעריש גאָלדשטיין, וואָס האָט לעצטנס געשיקט עטלעכע מאַנוסקריפּטן זײַנע אין רעדאַקציע פֿון „טאָפּלפּונקט". שרײַבן שרײַב איך דערפֿאַר, וואָס איך וויל אײַך שטאַרק רעקאָמענדירן די ווערק פֿונעם דאָזיקן שרײַבער.

בעריש גאָלדשטיין האָט זיך שוין מער ווי איין מאָל געדרוקט אין „יונגטרוף". ער אַנטוויקלט אַ פֿײַנעם סטיל און אינטערעסאַנטן אינהאַלט, אָפֿט מאָל — וועגן דער נאַטור, וואָס ער פֿאָרשט אויס מיט שׂכל און באַגײַסטערונג, מיט אָנווענדנדיק דאָס ייִדישע לשון צו נײַע פֿאַקטן און איבערלעבונגען.

זײַן איבערזעצונג פֿון טאָלקינען איז אויף אַ הויכן ליטעראַרישן ניוואָ, און אויך זייער געטרײַ דעם אָריגינאַל. (איך האָב פֿאַרגליכן די צוויי טעקסטן.) ווי איינער וואָס האָט געהאַט דעם כּבֿוד צו זען מײַנס אַ טאָלקיניש ליד אין „טאָפּלפּונקט", גיב איך אײַך אַן עצה צו דרוקן בעריש גאָלדשטיין'ס איבערזעצונג!

מיט וואַרעמע גרוסן, און גמר חתימה טובֿה,

לאה ראָבינסאָן

לאה ראָבינסאָן

Elinor Robinson
206 West 106th Street, #56
New York, NY 10025
USA
Tel. 212-663-2069
e-mail: Crydorf@aol.com

מיטוואָך דעם 9טן פֿעברואַר 2005

טײַערער און חשובֿער
פֿרײַנד ישׂראל רובניצקי,

קודם-כּל וויל איך וויסן וואָס איר מאַכט, און איך וויל אײַך געבן מחילה וואָס איך ענטפֿער ערשט איצט אויף אײַער בריוו.

צווייטנס, שיק איך אײַך מײַנע אַ דערציילונג, „די מאַנטאַלקעס פֿון די לוויתן", טאָמער ווילט איר זי אָפּדרוקן אין „טאָפּלפּונקט".

דריטנס, לייג איך בײַ צוויי נומערן „יוגנטרוף" פֿאַר אײַך, 98 און 99. אויב איר ווילט אַבאָנירן „יוגנטרוף", זײַט אַזוי גוט, גיט אַ קוק אויף די פּרטים וואָס אויף זײַט 2 פֿון „יוגנטרוף"-זשורנאַל.

איך ווינטש אײַך מזל-ברכה מיטן גאָר שיינעם, אינטערעסאַנטן „טאָפּלפּונקט", וואָס ער קומט אויך אַרויס פֿון אין אוניווערסיטעט דאָ (קאָלומביע). יישר-כּוח!

מיט וואַרעמע גרוסן, לאה